טיקט עס מיר אָפּ

דעם 12טן אויגוסט 1966

ליבער יצחק ניבארסקי,

סוצקעווער האט א מאל געזאגט אז ניט די פייער פעלט ביי אונדז אין דער יִדישער קהילה--נאר גאר דער פונק. דעריבער בין איך גליקלעך וואס דער יוגנטרוף האט באוויזן אייך אונטערצוטראגן אט דעם פונק.

איך זע אז איר הייבט אן אייער ארבעט מיטן רעכטן פוס, ד"ה מיט א גרינדונגס-פארזאמלונג (אדער ווי איר רופט עס: א פראקלאמירונגס-אקט). איך קען אייך זאגן פון מיין דערפארונג אז וויפל מי און ארגאניזאציאנעלע שווארצארבעט איר וועט אריינלייגן, וועט עס נאך אלץ ניט זיין גענוג. געזעלשאפטלעכע אונטערנעמונגען פאלגן געוויסע געזעצן, און כל-זמן מע צעקייט ניט אט די כללים, קען מען האבן מוראדיקע שוועריקייטן. לייענט איבער ראזשאנסקיס באריכט וועגן אונדזער צווייטן צוזאמענפאר וועט איר פארשטיין וואס איך רעד.

ס'איז מיר תמיד אינטערעסאנט צו זען ווי אנדערש עס זיינען די קולטורעלע באדערפענישן פון יעדער קהילה. למשל, אייער "יוגנט-צענטער" וועט זיך פארנעמען מיט ליטעראטור און קונסט. דער ניו-יארקער יוגנטרוף פארנעמט זיך מיט זשורנאליסטיק און מיט געזעלשאפטלעכע פראבלעמען. דער סידנייער י"ר איז א דיסקוסיע-גרופע. ס'איז באמת פיין וואס יוגנטלעכע קענען זיך צופאסן צו די באדינגונגען.

מיט איין זאך בין איך אבער ניט מסכים--דאס ווערן אריינגעשלונגען אין אן "איינגעווארצלטער קולטור-איסטיטוציע" דער סידנייער י"ר האט אויך איינגעזען, ווי איר, אז ס'איז שווער צו שטיין אויף די אייגענע פיס. האבן זיי זיך פארבונדן מיטן סידנייער "פאלקסצענטער" און געצאלט די מיטגלידערשאפט-אפצאל. מיט איין אונטערשייד--זיי האבן אנגעהאלטן זייער נאמען. זיי קענען סיי געניסן פון די מאטעריעלע באדינגונגען פונעם צענטער און סיי בלייבן אומאפהענגיק. דער ניו-יארקער קאמיטעט האט זיך געפונען אינעם גאר חשובן לאקאל פונעם יִדישן לערער-סעמינאר. אבער סוף-כל-סוף האבן זיי פארלאזט דעם בנין ווייל דער סעמינאר האט זיי געשטערט. לאמיר איצט רעדן קלארע דיבורים.

כמעט יעדער י"ר-קאמיטעט האט אן עלטערן מענטשן וואס טעארעטיש איז ער דער "בעל-יועץ" און פאקטיש איז ער דער אנפירער. אין סידניי פירט מ. אלעקסאנדער אן מיט דער גרופע, אבער זיין נאמען ווערט קיין מאל ניט דערמאנט אין שייכות מיטן יוגנטרוף. ער טוט די ארבעט פרייוויליק און אנאנים. אין נ"י איז פאראן א ייִד מיטן נאמען ד"ר מרדכי שעכטער. דער ד"ר שעכטער: (1) האט געגעבן אונדז זיין קעלער צו נוצן פארן ביורא, (2) רעדאגירט דעם זשורנאל נאך דעם ווי ער ווערט "קאריגירט" פון אונדזערע רעדאקטארן (דאס אליין איז אן ארבעט פאר גוטע 12 שעה), (3) רופט און ארגאניזירט די זיצונגען פון דער רעדאקציע, פון דעם אויספיר-קאמיטעט און פונעם אלוועלטלעכן קאמיטעט, (4) פירט אן מיט דער ארגאניזאציאנעלער ארבעט. קיינער ווייסט ניט וועגן דעם חוץ די ניו-יארקער מיטגלידער. ער טוט די ארבעט אין גאנצן אן באצאלטס און אן פירסום. כאטש ער איז פארבונדן מיט דער פריילאנד-ליגע (טעריטאריאליסטן) האט ער אונדז קיין מאל ניט אריינגעמישט אין זיין פאליטיק. אנטקעגן וואס זאג איך דאס?

איך בין איבערצייגט אז שמואל ראשזאנסקי וועט ביי אייך פארנעמען אט די ראלע פון בעל-יועץ/אנפירער. און ער וועט האבן די פולע רעכט דערצו ווייל ער פירט דאך אן מיט דער ליטעראטור-געזעלשאפט. ווען מיר האבן צוויי מאל אפעלירט צו אים צו העלפן שאפן א י"ר-קאמיטעט, האבן מיר זיך ניט פארגעשטעלט אז ער וועט דאס אויסנוצן לטובת זיך אליין. מיר האבן דערוואַרט אז ער זאל שטיין "הינטער די קוליסן" ווי עס טוען ד"ר שעכטער און מ. אלעקסאנדער.

אנשטאט צו ווערן א טייל פון אן אינטערנאציאנאלער יוגנט-באוועגונג האט איר באשלאסן זיך אנצושליסן אין א שטאטישער אינסטיטוציע. דער באשלוס ווערט נאך מער לעכערלעך ווען מיר נעמען אין באטראכט אז (1) מיט דעם וואס איר אבאנירט זיך אין אונדזער זשורנאל ווערט איר אויטא-מאטיש מיטגלידער פונעם יוגנטרוף (י"ר נומער 4), (2) איר וועט מסתמא ווערן מיטארבעטער אינעם זשורנאל, (3) מיר זיינען טאקע "גייסטיק אידענטיש" ווי איר שרייבט און (4) מיר האבן צוויי יאר געארבעט (אנהייבנדיק אין



אויגוסט 1964) כדי צו לייגן דעם באדן פאר אן ארגענטינער קאמיטעט. לשם אינפארמאציע האבן מיר 22 אדרעסן פון די תלמידים פונעם י"ל פרץ-מיטלשול
איך ב"א וואס באקומען איצט דעם זשורנאל און פירן א קארעספאנדענץ מיט

לאמיר איצט רעדן קלארע דיבורים.

כמעט יעדער <u>י"ר</u>-קאמיטעט האט אן עלטערן מענטשן וואס טעארעטיש איז ער דער "בעל-יועץ" און פאקטיש איז ער דער אנפירער. איך סידניי פירט מ. אלעקסאנדער אן מיט דער גרופע, אבער זיין נאמען ווערט קיין מאל ניט דערמאנט אין שייכות מיטן <u>יוגנטרוף</u>. ער טוט די ארבעט פרייוויליק און אנאנים. איך נ"י איז פאראן א ילד מיטן נאמען ד"ר מרדכי שעכטער. דער ד"ר שעכטער: (1) האט געגעבן אונדז זיין קעלער צו נוצן פארן ביורא, (2) רעדאגירט דעם זשורנאל נאך דעם ווי ער ווערט "קארigירט" פון אונדזערע רעדאקטארן (דאס אליין איז אן ארבעט פאר גוטע 12 שעה), (3) רופט און ארגאניזירט די זיצונגען פון דער רעדאקציע, פון דעם אויספיר-קאמיטעט און פונעם אלוועלטלעכן קאמיטעט, (4) פירט אן מיט דער ארגאניזאציאנעלער ארבעט. קיינער ווייסט ניט וועגן דעם חוץ די ניו-יארקער מיטגלידער. ער טוט די ארבעט אין גאנצן אן באצאלטס און אן פירסום. כאטש ער איז פארבונדן מיט דער פריילאנד-ליגע (טעריטאריאליסטן) האט ער אונדז <u>קיין</u> <u>מאל</u> <u>ניט</u> אריינגעמישט אין זיין פאליטיק. אנטקעגן וואס זאג איך דאס?

איך בין איבערצייגט אז שמואל ראשזאנסקי וועט ביי אייך פארנעמען אט די ראלע פון בעל-יועץ/אנפירער. און ער וועט האבן די פולע רעכט דערצו ווייל ער פירט דאך אן מיט דער ליטעראטור-געזעלשאפט. ווען מיר האבן צוויי מאל אפעלירט צו אים צו העלפן שאפן א <u>י"ר</u>-קאמיטעט, האבן מיר זיך ניט פארגעשטעלט אז ער וועט דאס אויסנוצן לטובת זיך אליין. מיר האבן דערוואַרט אז ער זאל שטיין "הינטער די קוליסן" ווי עס טוען ד"ר שעכטער און מ. אלעקסאנדער.

אנשטאט צו ווערן א טייל פון אן אינטערנאציאנאלער יוגנט-באוועגונג האט איר באשלאסן זיך אנצושליסן אין א שטאטישער אינסטיטוציע. דער באשלוס ווערט נאך מער לעכערלעך ווען מיר נעמען אין באטראכט אז (1) מיט דעם וואס איר אבאנירט זיך אין אונדזער זשורנאל ווערט איר אויטאמאטיש מיטגלידער פונעם <u>יוגנטרוף</u> (<u>י"ר</u> נומער 4), (2) איר וועט מסתמא ווערן מיטארבעטער אינעם זשורנאל, (3) מיר זיינען טאקע "גייסטיק אידענטיש" ווי איר שרייבט און (4) מיר האבן צוויי יאר געארבעט (אנהייבנדיק אין



אויגוסט 1964) כדי צו לייגן דעם באדן פאר אן ארגענטינער קאמיטעט. לשם אינפארמאציע האבן מיר 22 אדרעסן פון די תלמידים פונעם י"ל פרץ-מיטלשול אין ב"א וואס באקומען איצט דעם זשורנאל און פירן א קארעספאנדענץ מיט די אמעריקאנער יוגנטרופניקעס. אונטן זיינען פאראן די אדרעסן פון נאך צוויי קארעספאנדענטן--סימפאטיקערס פון דער באוועגונג. און איצט, נאך אלעמען, קענען מיר אפילו ניט שטאלצירן מיט א נייעם קאמיטעט צוליב א קלייניקייט, צוליב א ריין טעכנישער סיבה! ווו איז יושר, פרעג איך אייך?

מיר זיינען חלילה ניט קיין קליינלעכע מענטשן. דער עיקר איז ניט דער נאמען וואס איר טראגט נאר די ארבעט וואס איר טוט אויף. <u>יוגנטרוף</u> איז פון דעסט וועגן א יונגע באוועגונג וואס ראנגלט זיך פארן עקסיסטענץ, און פאר א <u>בארעכטיקונג</u> צו עקסיסטירן. איר האט די אלע זאלן באדארפט נעמען אין באטראכט איידער איר האט אנגענומען אייער באשלוס.

נו מילא, פארפאלן. מיר וועלן שטיין אין כסדרדיקער פארבינדונג מיט אייך. דערווייל האב איך צו אייך צוויי בקשות: (1) שיקט מיר א קאפיע פון אייער שפאנישער איבערזעצונג; מיר קענען עס אויסנוצן אין מעקסיקע. (2) שיקט אונדז אן אויספירלעכן באריכט פון אייער גרינדונגס-פארזאמלונג <u>צוזאמען</u> <u>מיט</u> א קאפיע פונעם "רעפעראט וועגן ליטעראטור". זיי וועלן ביידע ווערן אפגעדרוקט אינעם 7טן נומער.

דאס וואס איך שרייב איז דער באגריסונג איז פאר דער עפנטלעכקייט. דאס וואס כ'האב דא געשריבן איז פאר <u>אייך</u> פערזענלעך.

אל דאס גוטס,
מיט וגנטרוף-גרוסן

דוד-הירש ראסקעס